# ענטפֿערס אויף אָפֿטע פֿראַגעס

[oyb ir vilt beser leyenen dem tekst oyf transliteratsye, kent ir dos ton baym sof dokument]

## אַלגעמיינע באַדינגונגען

**וואָס קענט איר זאָגן וועגן צוטריטלעכקייט?**

**1. טרעפּ**
טייל פֿון די צימערן קען מען דערגרייכן נאָר מיט טרעפּ (איין שטאָק).
אויף צו קומען אין די אַקיטוויטעט־צימערן דאַרף מען אַרויף אַן ערך 20 טרעפּ (ס'איז נישטאָ קיין ווינדע).

**2. וואַשצימערן**
עס זײַנען נישטאָ קיין פּאַסיקע וואַשצימערן פֿאַר מענטשן וואָס ניצן רעדערטולן.

אויב איר האָט אַנדערע פֿראַגעס אָדער באַדערפֿענישן, לאָזט אונדז וויסן.

**צי וועלן זײַן אַנדערע געסט אין האָטעל חוץ אונדז ?**

דער פּאַרט און רעסטאָראַן אין האָטעל וועלן זײַן אָפֿן אויך פֿאַר אַנדערע געסט.
מיר האָבן דערוויַיל רעזערווירט אַלע צימערן פֿאַר אונדזער גרופּע, נאָר אויב די גרופּע וועט זײַן צו קליין וועט דער האָטעל אפֿשר פֿאַרדינגען צימערן אַנדערע געסט אויך.

**צי איז דאָ לופֿטקילונג אין האָטעל?**

עס איז דאָ לופֿטקילונג אין די קאָנפֿערענץ־צימערן ווו מיר וועלן האַלטן די אַקטיוויטעטן. אין די צימערן ווו מע שלאָפֿט איז נישטאָ קיין לופֿטקילונג.

## ווער קען קומען ?

**איך בין אַן אָנהייבער – צי מעג איך קומען אויפֿן זומער־מאַראַטאָן ?**

יאָ, אויב איר זײַט גרייט צו רעדן נאָר ייִדיש במשך דער וואָך.

**צי מעג איך קומען מיט עמעצן וואָס רעדט נישט קיין ייִדיש ?**

מע מעג קומען מיט קינדער ייִנגער ווי 6 יאָר וואָס רעדן נישט קיין ייִדיש. אַלע אַנדערע דאַרפֿן זײַן מסכּים צו רעדן **נאָר ייִדיש** במשך דער וואָך.

**צי מעג איך קומען מיט אַ הונט ?**

אויב איר ווילט קומען מיט אַ שטוב־חיה, שרײַבט אונדז אויף maraton@yiddish.paris איידער איר שרײַבט זיך אײַן.

## מיט וועמען אין צימער ?

**צי קען איך זײַן אין אַ צימער מיט דער משפּחה / אַ פֿרײַנד ?**

מיר וועלן שיקן אַלע אײַנגעשריבענע אַ פֿרעגבויגן ווּ איר וועט אונדז קענען שרײַבן מיט וועמען אירווילט זײַן אין צימער.

**וואָס אויב איך קען נאָך נישט קיינעם און וויל נישט אײַנשטיין אין אַן איינצל־צימער ?**

אויב איר קומט אַליין און קענט נאָך נישט קיינעם – זאָרגט זיך נישט, מיר וועלן אײַך געפֿינען עמעצן אין דעם זעלבן מצבֿ.

## דער צײַטפּלאַן און די פּראָגראַם

**וויפֿל אַ זייגער הייבן מיר אָן מאָנטיק און וויפֿל אַ זייגער ענדיקן מיר זונטיק ?**

די ערשטע בשותּפֿותדיקע אַקטיוויטעט וועט זײַן אַ וועטשערע מאָנטיק 7 אַז' אין אָוונט. די צימערן וועלן זײַן גרייט פֿון 4 אַז' נאָך מיטאָג.

מיר וועלן ענדיקן זונטיק מיט אַ פֿרישטיק. מע וועט דאַרפֿן אַרויס פֿון די צימערן ביז 11 אַז' פֿאַר מיטאָג.

**צי מעג איך קומען פֿריִער / אָוועקפֿאָרן שפּעטער ?**

אַ באַגרענעצטע צאָל מענטשן וועט קענען קומען פֿריִער און/אָדער אָוועקפֿאָרן שפּעטער. אויב איר זענט פֿאַראינטערעסירט אין דעם, זײַט אַזוי גוט און שרײַבט אונדז אויף maraton@yiddish.paris.

**צי קענט איר מיר שיקן די פּראָגראַם ?**

די אַקטיוויטעטן־פּראָגראַם שאַפֿט מען מיט די אָנטייל־נעמער (יעדער איינער קען פֿאָרלייגן עפּעס). צוליב דעם האָט מען נאָך נישט קיין גרייטע פּראָגראַם אָבער איר קענט דערוואַרטן פֿאַרשידענע וואַרשטאַטן, רעפֿעראַטן, שפּילן און איין בשותּפֿותדיקע עקסקורסיע.

**צי מוז איך קומען אויף די אַקטיוויטעטן ?**

ס'איז נישט קיין מוז. איר קענט אויך סתּם פֿאַרברענגען מיט פֿרײַנד (אַבי אויף ייִדיש!)

## עסן

**צי וועט מען עסן כּשר? צי וועט מען קענען עסן וועגעטאַריש/וועגאַניש ?**

מע וועט עסן צוזאַמען פֿרישטיק און וועטשערע. די מאָלצײַטן וועלן נישט זײַן כּשר. מע וועט דערלאַנגען פֿלייש, אָבער נישט קיין חזיר. מע וועט קענען עסן וועגאַניש.

**ווו וועט מען קענען עסן מיטאָג ?**

איר וועט קענען עסן אין רעסטאָראַן פֿון האָטעל אָדער אין רעסטאָראַנען אין דעם נאָענטן שטעטל סעראָצק (אַן ערך 40 מינוט צו פֿוס).

**צי וועט מען האָבן אײַזקאַסטנס אין צימערן ?**

אין אַ פּאָר צימערן זײַנען דאָ אײַזקאַסטנס אָבער מיר קענען נישט פֿאַרזיכערן אַז אין אײַער צימער וועט זײַן אַן אײַזקאַסטן.

## טראַנספּאָרט

**ווי קען מען אַהין אָנקומען פֿון וואַרשע ?**

1. מיט אַ מיניבוס וואָס מיר וועלן אָרגאַניזירן לויטן באַדאַרף (פֿוןביידע פֿליפֿעלדער און/אָדער פֿון וואַרשע גופֿא) – צווישן 8 און 27 אייראָס
2. מיטן עפֿנטלעכן טראַנספּאָרט
PLN 15 (3-4 אייראָס), ס'איז אַן ערך 2,5 קילאָמעטער צו פֿוס פֿון דער בוס־סטאַנציע צום האָטעל
מיר וועלן שיקן פּרטימדיקע אָנווײַזונגען די אײַנגעשריבענע.
3. מיט אַ טאַקסי

**ווי קומט מען קיין וואַרשע פֿון אויסלאַנד ?**

1. אויב איר ווילט קומען מיט אַ באַן, קוקט אויף פֿיר סטאַנציעס אויף וועלכע עס קומען אינטערנאַציאָנאַלע באַנען :

   Warszawa Wschodnia, Warszawa Centralna, Warszawa Zachodnia, Warszawa Gdańska

2. אויב איר ווילט קומען מיט אַן אַעראָפּלאַן : עס זענען דאָ צוויי פֿליפֿעלדער מיט די קאָדן WAW (וואָס מע רופֿט שאָפּען פֿליפֿעלד) און WMI (וואָס מע רופֿט מאָדלין פֿליפֿעלד).
   - דאָס שאָפּען פֿליפֿעלד איז אין שטאָט גופֿא
   - פֿון מאָדלין פֿליפֿעלד קען מען אָנקומען מיט אַן אויטאָבוס אָדער מיט אַן אויטאָבוס און מיט אַ באַן
3. מע קען אַוודאי קומען אויך מיט אַן אויטאָבוס אָדער מיט אַן אויטאָ.

# ENTFERS AF OFTE FRAGES

## Algemeyne badingungen

**Vos kent ir zogn vegn der tsutritlekhkeyt?**

**1. Trep**
Teyl fun di tsimern ken men dergreykhn nor mit trep (eyn shtok).
Af tsu kumen in di aktivtiet-tsimern darf men aroyf an erekh 20 trep (s'iz nishto keyn vinde).

**2. Vashtsimern**
Es zaynen nishto keyn pasike vashtsimern far metnshn vos nitsn redershtuln.

*Oyb ir hot andere frages oder baderfenishn, lozt undz visn.*

**Tsi veln zayn andere gest in hotel akhuts undz?**

Der port un restoran in hotel veln zayn ofn oykh far andere gest.
Mir hobn dervayl rezervirt ale tsimern far undzer grupe, nor oyb di grupe vet zayn tsu kleyn vet der hotel efsher fardingen tsimern andere gest oykh.

**Tsi iz do luftkilung in hotel?**

Es iz do luftkilung in di konferents-tsimern vu mir veln haltn di aktivitetn. In di tsimern vu me shloft iz nishto keyn luftkilung.

## Ver ken kumen?

**Ikh bin an onheyber – tsi meg ikh kumen afn Zumer-maraton?**

Yo, oyb ir zayt greyt tsu redn nor yidish bemeshekh der vokh.

**Tsi meg ikh kumen mit emetsn vos redt nisht keyn yidish?**

Me meg kumen mit kinder yinger vi 6 yor vos redn nisht keyn yidish. Ale andere darfn zayn maskim tsu redn **nor yidish** bemeshekh der vokh.

**Tsi meg ikh kumen mit a hunt?**

Oyb ir vilt kumen mit a shtub-khaye, shraybt undz oyf maraton@yiddish.paris eyder ir shraybt zikh ayn.

# Mit vemen in tsimer?

### Tsi ken ikh zayn in a tsimer mit der mishpokhe / mit a fraynd?

Mir veln shikn ale ayngeshribene a fregboygn vu ir vet undz kenen shraybn mit vemen ir vilt zayn in tsimer.

### Vos oyb ikh ken nokh nisht keynem un vil nisht aynshteyn in an eyntsl-tsimer?

Oyb ir kumt aleyn un kent nisht keynem – zorgt zikh nisht, mir veln aykh gefinen emetsn in dem zelbn matsev.

# Der tsaytplan un di program

### Vifl a zeyger heybn mir on montik un vifl a zeyger endikn mir zuntik?

Di ershte beshutfesdike aktivitet vet zayn a vetshere montik 7 az' in ovnt. Di tsimern veln zayn greyt fun 4 az' nokh mitog.

Mir veln endikn zuntik mit a frishtik. Me vet darfn aroys fun di tsimern biz 11 az' far mitog.

### Tsi meg ikh kumen frier/avekforn shpeter?

A bagrenetste tsol mentshn vet kenen kumen frier un/oder avekforn shpeter. Oyb ir zent farinteresirt in dem, zayt azoy gut un shraybt undz af maraton@yiddish.paris.

### Tsi kent ir mir shikn di program?

Di aktivitetn-program shaft men mit di onteyl-nemer (yeder eyner ken forleygn epes). Tsulib dem hot men nokh nisht keyn greyte program ober ir kent dervartn farshidene varshtatn, referatn, shpiln un eyn beshutfesdike ekskursye.

### Tsi muz ikh kumen af di aktivitetn?

S'iz nisht keyn muz. Ir kent oykh stam farbrengen mit fraynd (abi af yidish!)

# Esn

### Tsi vet men esn kosher? Tsi vet men esn vegetarish/veganish?

Me vet esn tsuzamen frishtik un vetshere. Di moltsaytn veln nisht zayn kosher. Me vet derlangen fleysh, ober nisht keyn khazer. Me vet kenen esn veganish.

### Vu vet men kenen esn mitog?

Ir vet kenen esn in restoran fun hotel oder in restoranen in dem noentn shtetl Serock (an erekh 40 minut tsu fus).

### Tsi vet men hobn ayzkastns in tsimern?

In a por tsimern zaynen do ayzkastns ober mir kenen nisht farzikhern az in ayer tsimer vet zayn an ayzkastn.

# Transport

### Vi ken men ahin onkumen fun Varshe?

1. Mit a minibus vos mir veln organizirn loytn badarf (fun beyde flifelder un/oder fun Varshe gufe) – tsvishn 8 un 27 eyros
2. Mitn efntlekhn transport<br>15 PLN (3-4 eyros), s'iz an erekh 2,5 kilometer tsu fus fun der bus-stantsye tsum hotel<br>Mir veln shikn protemdike onvayzungen di ayngeshribene.
3. Mit a taksi

### Vi kumt men keyn Varshe fun oysland?

1. Oyb ir vilt kumen mit a ban, kukt af fir stantsyes af velkhe es kumen internatsyonale banen: Warszawa Wschodnia, Warszawa Centralna, Warszawa Zachodnia, Warszawa Gdańska.
2. Oyb ir vilt kumen mit an aeroplan: es zaynen do tsvey flifelder mit di kodn WAW (vos me ruft Chopin Flifeld) un WMI (vos me ruft Modlin Flifeld).
    - dos Chopin Flifeld iz in shtot gufe
    - fun Modlin Flifeld ken men onkumen mit an oytobus oder mit an oytobus un mit a ban
3. Me ken avade kumen oykh mit an oytobus oder mit an oyto.